# דאָקטאָר קאַגאַן

פון **פרץ מאַרקיש** / מאָסקווע

ספּעציעל צוגעשיקט פאַר „יידישע קולטור“

## מיט טאָרבעס אין די הענט

מיט טאָרבעס אין די הענט, מיט זויגקינדער אין שויס,
מיט בראָך אין האַרץ און מיט שגעון אין די בליקן —
אויף אומוועגן פון טויט — טאָג־איין, טאָג־אויס
האָבן זיך יידן היימלאָזע געזוכט אַן עיר־מקלט,
אַן אָרט, אַ נאַכטלעגער, אַ דאַך
צווישן שמידנדיקן פראָסט און שמעלצנדיקן פייער;
דער יאוש האָט פון זיי פאַרפלייצנדיק געשפּאַרט
און זיי געפירט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט טויזנט־יעריקע
לוויה...
זיך אָפּגעשטעלט צומאָל — באַזונדער און באַנאַנד —
אונטער דעם פייף פון שרויט און פּאַטשנדיקן רעגן, —
אַן אומגעפאַלענעם דאָרט אויסשטרעקן די האַנט
און אַ געפאַלענעם באַגראָבן אונטערוועגנס
און ווייטער זיך געשלעפּט אויף קיינעמס ניט באַראָט,
געוואָגלט ווייטער אין דעם אויסזיכטלאָזן אומגאַנג,
און אויסגעפאָכט דאָס חיות יעדער איינער האָט,
אויף אַקסל שלעפּנדיק, פּונקט ווי באַרג, דעם אומגליק.

געטריבן האָט דער דייטש זיי האַסטיק פון דער ערד.
נאָר אין אומענדלעכקייט געפירט האָט זיי דער וועג
דורכדאַנען;
פון טרערן אויסגעדעמפּט — איז הויך און שווער
געהאַנגען איבער זיי אַ שוואַרצער עמוד־ענן...
די תוכחה האָט מלכותדיק אויף זיי באַגינט.
ניט נעכטיקן אַן דאָרט, וואו ס'האָט געטראָפן זיך צו
טאָגן, —
האָט עס געטראָגן זיי, ווי זאַמד צעווייעטן פון ווינט,
ווי קערנער אויפן פעלד, צעקלאַפּטן פון אַ האָגל...
און מיט אַ קינד אַ האַלב־דערפרוירנס פאַר דער האַנט,
זיך איינהערנדיק אין זיין יענוועלטיקן קול נאָר,
געגאַן צווישן די היימלאָזע איז אַ באַיאָרטער מאַן —
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין סויבעלנעם קאָלנער,
דערמאָנען עפּעס וואָס האָט ער זיך נאָך געהאַט...
אין קאָפּ האָבן זיך אויפרייסן פאַרשיידענע געבאַמבלט;
ער האָט געדענקט דעם אויפגעפלויגענעם סאַנבאַט,
די זשומענדיקע בין... די סווישטשענדיקע באָמבע...

און ניט באַוויזן האָט ער שוין מיט אַלעמען אַוועק
בשעת דעם אינדערפריענדיקן אָנפלי פון דער האָרדע;
און אַז דער טויט פאַרשטעלט פון אַלע זייטן שוין דעם
וועג
איז אים נאָך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר דאַן...
— צי איז אָט דאָס פון פיין די העכסטע מאָס?
— צי העכער נאָך וואוהין האָט אים דער פיין צו פירן?
ער האָט געדענקט די מוסקולן די בראַנדזענע פונעם
מאַטראָס

און ביי דער רויער וואונד — די בלויע טאַטואירונג...
נאָכהער האָט מען זיך איינציקווייז צעשלייכט אויף גיך
מיט שטיקלעך ברויט אין טאָרבעלעך, פאַרפאַלן און
שפּל;
ער האָט געדענקט, ווי ס'האָבן פויערן געהאַלטן אים
ביי זיך
און ווי די היימלאָזע האָט ער פונסניי אין וועג געטראָפן...
אונטער דער פאַכווע—אַ פוטליאַר, פּונקט ווי אַ טרונעלע
אַ דינס,
אונטער די ברעמען — אויגן אויסגעלאָשן־מידע;
געבליבן פון דער גאַנצער וועלט איז אים דאָס קינד
און פון פאַרפרוירן־ווערנדיקן קינד — דער פידל.

נאָר ער האָט אויף קיין פידל ניט געשפּילט.
דעם מענטשן אויסשפּילן ביים טויט באַרופן ער געווען
אַמאָל איז;
באַגלייט האָט אים דער זיבניערעדיקער פידלער שטיל
איבער זיין אומענדלעכן טרויעריקן גלות.
ער איז געגאַן — פאַרטיפט אין זיך און אין דער וועלט,
געזוכט צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט שוין אָפּגעטאָן זיך;
אין זיינע אומרואיקע אויגן האָבן טרערן זיך געשטעלט,
זיי האָבן איבער יעדן געגנשטאַנד מיט ווייי געבלאָנ־
דזשעט;
— דער בוים איז בוים. דאָס גראָז איז גראָז. די ערד
איז ערד, —
האָט זיך דאָס האַרץ מיט ביטערקייט געלאָזן אַ באַשאַט
טאָן, —
נו, און דער מענטש? דער דאָקטאָר קאַגאַן — ער?
דער מוח? דער געדאַנק? איז מער ניט ווי אַ שאָטן?
— דער מענטש!... געשיקט זיך, אַז דער מענטש קאָן
גאָרניט טאָן,
ווען ס'קומט די צייט, ווען ס'קומט די פּרואוו פון גורל?...
נו און אַ פאָלק!... אַוועמען גייט דיין אומגליק אָן,
אָט דאַן, ווען מע פאַרשעלט דעם טאָג פונעם געבוירן?...

ער זעט אַצינד די מענטשהייט ווי אַ קראַנקן בוים,
אין וועמעס פרוכטן ס'האָבן ווערעם זיך פאַרנעסטיקט
און וויקלען רונד אַרום זיי מיט אַ וואָרגעדיקער צוים
און טריפן אָן אין יעדן איינעם סם און פעסט דאָרט,
און דרינגען אין געוועב אַריין שוין דורך אויף דורך.
די וואָרצלען און די קרוינען, ערטערווייז מע פלעט שוין:
— וואָס פאַר אַ גליק עס איז פון צווייג זיך אָפּרייסן דער
פרוכט
און פאַלנדיק אויף דר'ערד, די פעסט דערקוועטשן!...
געווייס איז יעדער צווייג פאַרטאָן אין זיך אַליין
און ראַנגלען זיך דורכאויס פאַרקלעמט אין פייער,
און ס'קאָן צו זיי דער בראָך פון ברודער ניט דערגיין. —
אבער דער בוים! דער גאַנצער עץ־החיים?!

ס האָט נאָך אים די מחנה היימלאָזע געפּאָלגט
ט אויגן, ווי די נאַכט אַדורכגעברענט שוין:
. אין וואָס? איז זיינען ווירקלעך מיר ניט מער קיין
פאָלק?
מער איז ניט פאַראַן קיין מענטשהייט?!...

אַפּט ווי אין דער פינצטערניש האָט יעדער זייער
שפּאַן
גאָרניט זעענדיק, האָבן זיי מיד אַזוי געשלעפּט זיך,
פון דער הויך האָט זיי דערזען אַ דייטשישער עראָ־
פּלאַן,
אָז געטאָן זיך, ווי אַ וואָלף צו אומבאַשיצטע שעפּסן.
האָט פּיקירט. דערנאָך—אַ קרייז. דערנאָך—איבער
די קעפּ.
מאָרד דעם תענוג האָט ער לאַנגזאַם זיך צעצויגן
שוועבנדיק אַראָפּ, ווי דורך ספּיראַל־אַרטיקע טרעפּ
ט ער די אומגליקלעכע נאָך געוואָלט אַ קוק טאָן אין
די אויגן.
צוגעפאַלן זיינען דאָרט די פּליטים צו דער ערד,
איינגעקלעמט ביז משוגעת אין אירע פאַלדן —
טויבטע — ניט געוואוסט האָט קיינער פון זיי רעכט,
זיינען זיי שוין טויט, צי דאַרף דער טויט נאָך אַ
באַפעל טאָן?!
אפּגעפּירט פון זינען האָט זיי בלויז דער זשום
דער געפּרעסטער ראַש פון אייזערנעם געפּאַכע;
האָט זיך אַ געשריי געוואָרפן אויף אַרום
צוריקגעפאַלן דאָרט אין בלוט איז אַ געכאָרכל.

לאַף געטאָן אַ קינד האָט פון דערשרעק,
ריען אַ שמעטערל און אויסגעשטרעקט די הענט דעם,
נאָכן קינד האָט זיך געלאָזט דער שפּאַרבער אין
געיעג —
ם פּילאָטאַזש דעם סאַמע נידעריקסטן אָנגעווענדט
דאָרט.
אַ גענעראַל־געשלעג! אַ ריטערלעכער איינס־אויף־
איינס
ישן אַ דייטשן א"ס און היימלאָזיקן קינד דאָרט,
ס האָט אַ שמעטערל געהאַלטן אין די הענט אַ קליינס
פליגעלעך מיט גאָלדענע און לייכט באַגרינטע;
ייסן האָבן שטיקער ערד זיך אין דער הויך
קעפּ מיט בערדיקע צעשמעטערט און צעשפּליטערט
מיט דעם בלוט פון קינד באַצירט דעם בויך
אָפּגעטראָגן אין די וואָלקנס האָט דער דייטשער
ריטער.
אָפּגעטאָן מע האָט דאָרט די הרוגים רעכט,
דאָקטאָר — הילף האָט די פאַרוואונדעטע געגעבן;
אויפגעהויבן מ'האָט זיך פון דער טרויעריקער ערד,
אָט זיך ווייטער גיין און — ווידער לעבן!

ויגן ווייט פאָראויס האָט זיך דער וועג,
יעדע ווייל זיך אומגעקוקט צו פרישע גריבער;
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט:—וויפיל מ'איז געוועזן,
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט:—וויפיל מ'איז גע־
בליבן...
דער דאָקטאָר האָט געדענקט: — אַז ווי ביים ברעג פון
ים דער זאַמד,
דער דאָקטאָר האָט געדענקט: — אַז ווי די שטערן
אויפן הימל...
געגאַנגען שטיל. זיך ניט פאַרהאַלטן. ניט געזאַמט.
נאָר ביי די קברים אויף די לייבלעכע פאַרלייגט מע
האָט אַ סימן;
געצויגן האָט דער וועג זיך, דרעמלענדיק־פאַרקלערט,
דעם וועג געעקבערט האָבן בלוט און טרערן:
— ווי איז צום פאָלק, וואָס וואָרצלענדיק זיך אין דער
ערד,
דערגרייכט זיין קאָפּ ניט צו די שטערן!...
מיט וואָס באַשטעטיקן זאָל ער דעם אום אין גראָד?
אַ וועלכע שאַרף דער האַק קאָן קעגנגעשטעלט ווערן?
דער דרייעק פון ספינאָזע גילט ניט פאַר דעם קאַט,
און זון? די זון קיין אַרגומענט איז פאַר די ווערעם!

ער האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט צוריק,
פאַרהאַלטן האָט דער וועג דאָרט יעדן שפּאַן אים;
— און דאָך, — געטראַכט האָט ער, — געהערט דער זיג
דעם קינד, דעם מיטן שמעטערל איבערן קאָט־
גערמאַניע!
פונקט אָט אַזאַ געהרגעט האָט זיין מוטער אויפן וועג,
און מאַמעס אומעטום אַזוי געהרגעט האָט ער,
און נעכט זיינען געבליבן נעכט און טעג זיינען געבליבן
טעג,
און היימלאָזע דעם ווייטיק מיט די פיס האָבן געטראָטן.
און ווען אַריינגאַן זיינען זיי אין דאָרף ביינאַכט,
איז זיי דער פאָרזיצער פון ראָט געגאַן אַנטקעגן,
און ס'האָבן די קאָלווירטניקעס געגעבן זיי אַ דאַך,
און ברויט, און טרייסט, און אַ געלעגער,
און אין דער שטיל האָבן געוויינט קאָלווירטניצעס, —
גערירט, —
די פּליטים גאַסטפריינטשאַפט, פאַרטיילנדיק ווי
ברידער,
דעם דאָקטאָר דורכגעפירט מאַלאַניע האָט צו זיך
אינאיינעם מיטן קינד — דעם זיבניערעדיקן פידלער.

דער דאָקטאָר האָט אַ סויבעלנעם פעלץ געהאַט,
אַ זייגער איז אַ גאָלדענער ביי אים געבליבן;
גאַנצפרי גיט ער אַ גלעט דעם ווייסן ציפּערבלאַט
און לאָזט צו די חולאים זיך פון שטוב צו שטיבל.
עס בלייבט זיין זון. עס בלייבט מיט אים אַן אַלטע קאַץ.
זי רונדיקט אויס דעם רוקן, ווי אַ בויגן,
און מיט אַ גענעץ, אַ פאַרשלינגענדיקן אַלץ,
גיט זי אַ שטעל אויף אים די גרינע שניידנדיקע אויגן...
ער פינטלט דורך דער שויב, ווי אַ שוואַרצאַפּל דורך אַ
טרער,

# פּרינץ ראובני*)

## פון דוד בערגעלסאָן

(אויפפירן די דראַמע אָן דער דערלויבעניש פון איקוף — פאַרבאָטן.)

(פאַרזעצונג)

ראובני:
אויב נאָר עס האַלט ביי פאַלן... ס׳הייבט זיך אָן:
מיט בענווענידאַס צאַרטע פינגער קלאַפּט
צו מיר אין פענצטער מיין ירידה.
(אינדרויסן שטאַרקן זיך ווידער די גוואַלדן פון דער מחנה פּליטים.)

קולות פון דרויסן:
ער מוז אונדז דאָך אויפנעמען, דער אויסלייזער!
מיר מוזן זען אונדזער האַר!

ראובני:
זיי רופן מיך „דער האַר״ און וועלן אייביק הייבן
אויף מיר די רוט, ווי אויף אַ הונט, אויב נאָר
אַפילו אויף אַ רגע כ׳וועל מיין לייב
דערוואַרעמען ביים פייער־גלאַנץ פון „פּרינץ״,
וואָס איך אַליין האָב אָנגעצונדן
אויף רעטן זיי מיט אים פון פּיין.
איין קער פון מיר צו תאוות אייגענע,
און אייביק בלייבט פאַרפלעקט מיין נאָמען. אָדער
דער גלאַנץ פון פּרינצן אָדער נידעריקסטער
שווינדלער,
קיין אַנדער אויסוואַל בלייבט פאַר מיר, ווייל בלויז
די בחינה פון אַ פּרינץ בין איך — אַ פּרינץ
אַ יידישער, אַ גייסט, נשמה אָן אַ גוף,
אַ רוחניות... זאָט בין איך מיט בחינות שוין, —
געשפּענסט פון די האַלב־דולע קאַבאַליסטישע
רבנים, שטאָט אַ פאָלק אָן אמתדיקס
זאָל מיך, דעם יידן, אייביק טאָן דערקוויקן,
דער גייסט בלויז פון אַ פאָלק, אָנשטאָט
צו ליבן זיך מיט אַ פּרינצעסין, גיי
פאַרליב זיך דו אין דער „פּרינצעסין־שבת״
צי אין אַ לאַנד אַזאַ, וואו אַלץ עס זאָגט צו דיר:
„אַ פרעמדער ביסטו דאָ״, דער גלאַנץ פון פּרינץ
פאַר מיר שוין גשמיות איז, און שטאַרקער ווערט
אין מיר די קראַפט, ווי אין אַן עכטן פּרינץ,
ווייל ליידן גרויסע האָבן מיך דערצויגן,
און גרייט בין איך די פּיין פון פאָלק אַפילו
אַדורך אויסטראַכטענישן גרינגער מאַכן, אויב
דער אמת אַרום מיר דאָ פעלט.
(פאַרטראַכט זיך, נעמט ווידער אַרבעטן אויפן בראַסלעט, זינגענדיק שטיל.)
נחרב ונשרף
אוהלי,
מהר אלי
גואלי.
(באַמערקט פּלוצים בענווענידאַן, וואָס איז אַריינגעקומען און איז שטיין געבליבן.)

בענווענידאַ:
איך נויג זיך טיף פאַר דיר און בעט דיך פאָרט,
מיין פּרינץ, פאַרגעס אָן דיין מלאכה דאָ.

ראובני:
ניט אָנגענעם ס׳איז פאַר בני־מלכים
אַזוינס צו טאָן ביי אייך אין לאַנד?
(דערנענטערט זיך צו איר מיטן בראַסלעט אין האַנט.)
פאַר חתן־כלה איז מיין מלאכה, און געווינט
בין איך צו איר אַט ווי אַ פּרינץ צו פרייד —
פון קינדווייז אָן אַזוי שוין, מיין בראַסלעט,
צי מיין קידושין־רינג — ער מאַכט די כלה שענער
אין חתנס אויגן, לאָמיר זאָגן, נו: ניט מער
ווי אויף אַ האָר.
(טוט אָן דעם בראַסלעט אויף בענווענידאַס האַנט.)
מיט איר דאָ באַלד
אין חתנס אויגן שענער ווערט דאָך אָבער
אויך אויף אַ האָר די גאַנצע וועלט!

בענווענידאַ:
און ניט נאָר אַזוי שענער, נאָר מער תאווהדיק...

ראובני:
מער תאווהדיק!...
(טרעט אָפּ, קוקנדיק אין בענווענידאַס אויגן.)
פאַרבאָטן ביסטו מיר... דו ביסט אַן אשת־איש...

בענווענידאַ (לאַכט):
„אַן אשת־איש״... ס׳איז פאַר מלכים קיין
פאַרבאָטן גילטיק גאָר. דער מאַכט־האָבער טוט אַלץ
און די געשיכטע איז אים נאָכדעם מוחל,
ווייל גרויסעס האָט ער אויפגעטאָן. פאַרגעבן
האָט גאָט אַליין דעם קעניג דודן
אויך זיין בת־שבע־זינד, און דו, מיין פּרינץ,
גיי דרייסט אין זיינע וועגן. כ׳פיל אין דיר
זיין הייסעס בלוט — ער איז געווען דיין זיידע!

ראובני:
מיין זיידע?...
(פון דרויסן הערן זיך ווידער די געשרייען פון די פּליטים.)
מיין פאָלק!...
(טרעט אָפּ פון בענווענידאַן.)
ניט ריר זיך אָן אָן מיר: דו ביסט — מיין פאַלן.

בענווענידאַ:
פאַרוואָס דיין פאַלן?... זע מיין פּראַכט!
(וואַרפט אַראָפּ פון זיך איר אויבערשט קלייד.)
איך בין באַשאַפן פאַר מלכים,
פאַר זיי — מיין שוים.
(זינגט)
אויף דיין לינקער האַנט מיין קאָפּ
כ׳וועל אָנלעבנען.

---

*) זע „יידישע קולטור״ נ״נ 1, 2, 5, 1945.

פנים אַריינצוקוקן, ...
אייערע אויגן בלאָנדזשען אין אַ זייט, אַלץ ווייטער פון דיין חבר.

און עס דערמאָנט זיך: בשעת די דייטשן האָבן פאַרנומען אַלץ־נייע טעריטאָריעס און זיך באַזעצט אין אַלץ־נייע מקומות, זיינען זיי געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער היימישער באַפעלקערונג, אַפילו מיט דער יידישער. עס פלעגן זיך אַפילו אָנקניפּן סימפּאַטיעס צווישן איינצלנע דייטשן און יידן. און עס פלעגט זיך אָפּט טרעפן: דער דייטש איז אויף אַ געוויסער צייט ערגעץ אַרויסגעוואָרפן, צי דער ייד ווידער איז איניקע

ווידער די צוויי ... ערשטע באַ־גריסונגס־ווערטער פון דייטש: — „וואַס, דו לעבסט נאָך!“ מיט גרויס פאַרחידושונג רופט ער אויס צו זיין פריינט: „וואַס, דו לעבסט נאָך?“ ווי אַזוי — הייסט עס — איז דאָס מעגלעך? היתכן?! קיין אַנדערע באַגריסונג האָט דער דייטש פאַרן יידן ניט געהאַט! — און ווען די חסידי אומות העולם האָבן מיך אויפגענומען, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט, האָט אין מיינע אויערן גע־קלונגען דאָס דייטשע באַגריסונגס־פאָרמול: „וואָס, יודע, דו לעבסט נאָך?...“

# פאַראויס צו דעם נייעם לעבן!

(טעלעגראַפישע באַגריסונג פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דורך דעם איקוף צו די יידן פון דער וועלט)

טייערע ברידער און שוועסטער!

דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד באַגריסט אייך האַרציק מיט דעם זיגרייכן סוף פון דער גרויסער באַפרייאונגס־מלחמה קעגן דער היטלערישער דייטשלאַנד, וועלכע איז גע־בראַכט געוואָרן צו איר פולער מפלה דורך דער העלדי־שער רויטער אַרמיי און די אַליאירטע אַרמייען.

מיר זיינען גליקלעך, וואָס דער פיל־פעלקערדיקער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אונטער דער פירערשאַפט פון מאַר־שאַל סטאַלין, האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין אָט דעם גרעסטן קאַמף אין דער געשיכטע פאַר דער פרייהייט און דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיר זיינען גליקלעך, וואָס די זין און טעכטער פון אונ־דזער יידישן פאָלק האָבן בייגעטראָגן זייער טייל צו אָט דעם גרויסן זיג.

מיט ערפורכט דערמאָנען מיר אין אָט דעם היס־טאָרישן טאָג פון זיג די העלדישע קעמפער פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט, פאַרטיידיקנ־דיק דעם כבוד און די פרייהייט פון דער מענטשהייט קעגן דעם פאַשיסטישן וואַנדאַליזם און קאַניבאַליזם. מיר בויגן אונדזערע קעפּ פאַר די אומציילִיקע קברים פון אומשולדיקע קרבנות, וואָס די פאַשיסטן האָבן באַ־דעקט מיט זיי די ערד פון דער פיל־געליטענער איי־ראָפּע. די מענטשהייט וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פאַשיסטישע שאַנדטאַטן אין מאַידאַנעק, טרעבלינקאַ, אָוושיענטשים, בוכענוואַלד, דאַכאַו, באַבי יאַר, פּאָנאַרי און צענדליקער אַנדערע פאַשיסטישע טויט־פאַבריקן.

אין דעם לויף פון זיין לאַנגער געשיכטע האָט דאָס פיל־געליטענע יידישע פאָלק נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזעלכע בלוטיקע קאַשמאַרן ווי אין דער צייט פון דער מערדערישער ממשלה פון די היטלערישע פינצטערלינגען.

נישט געקוקט אָבער אויף די געוואַלדיקע קרבנות און פאַרלוסטן, קומט אויך אונדזער פאָלק אַרויס פון אָט דעם טויט־געראַנגל מיט די ברוינע הענקערס גע־שטאַרקט און פאַרהאַרטעוועט אין זיין קעמפערישן גייסט, ווען אַפילו געמינערט אין צאָל, און פול מיט האָפענונג און גלויבן, אַז אַ נייע עפּאָכע הויבט זיך אָן פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

די פאַשיסטישע מיליטערישע האָרדעס זיינען צע־ריבן געוואָרן אויף שטויב איבער אַלע שלאַכטפעלדער. אָבער יעדער פרייהייט־ליבנדיקער מענטש מוז געדענ־קען, אַז כל־זמן דער פאַשיזם וועט נישט אויסגעראָטן ווערן מאָראַליש און פּאָליטיש, וועלן מיר קיינמאָל נישט קאָנען זיין זיכער, אַז דער לאַנג־דערוואַרטער און טייער־באַצאָלטער שלום וועט לאַנג געדויערן.

צוליב דעם גליק און דער פרייהייט פון די צו־קונפטיקע דורות ליגט אויף יעדערן פון אונדז דער חוב צו העלפן מיט אַלע כוחות אין דער אויסראָטונג און אויסוואָרצלונג פון דעם פאַשיזם אין אַלע זיינע פאָרמען, אומעטום, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען, הינטער וואָסער מאַסקע ער זאָל זיך נישט באַהאַלטן.

אַזעלכע פאַשיסטישע אויסברוכן ווי מענטשן־פיינטלעכער ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם מוזן אין דער נאָך־מלחמה וועלט געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ און באַשטראָפט ווערן אויפן שטרענגסטן אופן.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיינע אייגענע חשבונות אויסצוגלייכן מיט דער היטלערישער דייטשלאַנד. מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט און ברענגען פאַרן משפט פון די פאַראייניקטע מלוכות אונדזער אָנקלאַגע אויף די מלחמה־צינדער און אויסראָטער פון פעלקער.

אין די שווערע יאָרן פון דער מלחמה איז די קעמ־פערישע פריינטשאַפט צווישן אונדזערע לענדער באַ־פעסטיקט געוואָרן, די קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג

# וואָס איז דייטשמעריש?

פון א. א. ראָבאַק

אויף דער דאָזיקער טעמע איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן — לאַנג איידער דער ענין אַנגליציזם איז אַרויפגעשוואומען אין דער פּרעסע. פונדעסטוועגן, וויפיל ס'איז געשריבן געוואָרן, איז אַלץ ווינציק געזאָגט געוואָרן. די פאַרשיידענע שרייבערס האָבן בלויז, איטלעכער, אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, און ניט עס איז געמאַכט געוואָרן קיין אויספאָרשונג, און ניט די פּראָבלעם איז היסטאָריש באַלויכטן געוואָרן און ניט עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן וועלכע־עס־איז כללים, וואָס זאָלן קאָנען זיין נוצלעך.

קודם כל: וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט „דייטשמעריש"? אַז עס האָט אַ מין חוזק־קלאַנג, דערשפּירט מען באַלד. עס דערמאָנט אָן דייטש־מיריש („אויך מיר דייטש") אָדער אַפילו אָן דעם קאָמישן נאָמען „שמערל", וואָס איז, אגב, פונקט ווי פייטל און גימפּל, גאָר געווען אַזוי געהויבן ווי איצט, אַשטייגער, „סימאָר".

דייטשמעריש איז אייגנטלעך אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער, דייטש און מעריש, מחמת פאַר די סלאַווישע יידן איז דער לשון פון די צענטראַל־אייראָפּייִשע יידן געווען פרעמדלעך, און אַזוי ווי די יידן פון מערן (מאָראַוויע, אַ פּראָווינץ אין טשעכאָסלאָוואַקיע) האָבן גערעדט כמעט ווי די דייטשישע און עסטרייכישע יידן, איז די קאָמבינאַציע באַצייכנט געוואָרן דייטשמעריש.

איצט רופן מיר אַ יידישן נוסח, וואָס האָט לפי ערך אַ גרויסע צאָל דייטשישע ווערטער אָדער פאָרמען — „דייטשמעריש". דייטשמעריש איז כמעט דאָס זעלבע וואָס „קאָנגרעס־דייטש", וואו יידן פון פאַרשיידענע לענדער גלייכן זיך אויס אויף אַ צעקריפּלטן דייטש און אַ צעקאַליעטשעטן יידיש — אַ מין אומגעשריבענע שמענדריק שפּראַך־דעמאָקראַטיע. נאָך אַ סינאָנים דערפאַר איז „קאַלוואַריער דייטש", וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט אַזוי בייסיק סאַטיריזירט.

### צוויי ריכטונגען

אין די גלגולים פון יידיש שפּילט דייטשמעריש אַ מעפיסטאָפעלישע ראָלע. לאָמיר ניט מיינען, אַז דייטשמעריש האָט זיך אָנגעהויבן מיט שמ"רס ראָמאַנען אָדער מיטן לאָנדאָנער „זשערמינאַל". שוין אין 15טן יאָרהונדערט, ווען יידיש איז נאָך אַלץ געווען אין דער דייטשישער וויגעלע, האָבן געמוזט זיך ווייזן סימנים פון אַ מחיצה צווישן דייטשמעריש און יידיש. אין יעיל אוניווערסיטעט געפינט זיך אַ קליין ביכעלע, וואָס זיין מחבר איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אליהו בחור (לעוויטאַ), דער זעלבער וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס בבא־בוך און אַנדערע ראָמאַנצן. מיט אים האָט מיטגעאַרבעט פּאַולוס פאַגיוס, וואָס איז דוכט זיך געווען אַ משומד.

אין אָט דעם ביכעלע, וואָס האָט געהייסן ספר שמות דברים, איז געווען אַ שפּראַץ אויף אַ פיל־שפּראַכיקן ווערטערבוך, און באַזונדערס איז דאָ געווען אויסגעטיילט די יידישע שפּראַך פון דער דייטשישער. העברייִאיש איז דאָ געווען, פאַרשטייט זיך, די ערשטע אָדער סטאַנדאַרט שפּראַך, און פאַגיוס האָט הפנים מוסיף געווען די לאַטיינישע איבערזעצונג.

וואָס אונדז איז נוגע, איז אליהו לעוויטאַס שטעלונג צו יידיש שוין מיט אַ קאַרגע 500 יאָר צוריק. ער האָט שוין דעמאָלט משיג געווען דעם גראַדן גאַנג פון יידיש. און אין געוויסע פּרטים האָבן נאָך אַ סך היינטיקע שרייבערס ניט דערגרייכט זיין קוק, למשל ווען זיי שרייבן „אַ זינגענדיקער פויגל" אָדער אַ „שמעקנדיקע בלום", בעת אין יידיש פאַלט אַרויס דער נ פאַרן ד אין פּאַרטיציפּ וואָס ווערט באַנוצט ווי אַן אַדיעקטיוו.

עס וועט מיר אויסקומען אָנווייזן אין משך פון דעם איצטיקן אַרטיקל, אַז עס זיינען געווען צוויי אימפּעטן אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש. איינס האָט זיך געריסן צום שורש — צום פאָלק, הייסט עס; דאָס אַנדערע ווידער האָט געוואָלט איבערלויפן דאָס פאָלק און אַריבערלויפן צו די פּני, וואָס זיינען ווי תמיד געווען מיטן פּנים צו די גויים (אַ לץ וואָלט אפשר געזאָגט, אַז דערפאַר הייסן זיי פּני) און האָבן אַלץ געוואָלט פאַרגויאישן דעם יידיש אַזוי, אַז ער זאָל פאַרוואַסערט און בטל בשישים ווערן, כדי מען זאָל קאָנען דערנאָך זאָגן: „אָט זעט אַליין, עס איז דאָך ניטאָ קיין יידיש, ס'איז גאָלע דייטש."

### די השפּעה פון דער השכלה

דערפירט ביז צום שפּיץ פון אָט דעם פּוסטן שפּיל האָט די השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט משה מענדעלסאָן אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט. מענדעלסאָן און זיינע אַרויסהעלפערס האָבן אָבער געהאַט אַ פּראַקטישע אויסרעכענונג. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז אַלץ וואָס פעלט אַז די דייטשישע יידן זאָלן ווערן באַטראַכט פאַר מענטשן און ניט פאַר קיין ווילדע ברואים איז אַז זיי זאָלן זיך קליידן און רעדן ווי די דייטשן, ניט מאַכן קיין תנועות מיט די הענט, ניט צעקריפּלען דעם דייטש. וואָרים אָט די יידישע מנהיגים האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז יידיש איז ניט קיין צעקאַליעטשעטער דייטש, נאָר אַ באַזונדערע שפּראַך, ווי האָלענדיש אָדער פלעמיש, לאָמיר זאָגן.

אַז עס האָבן ניט געפעלט קיין אינטעליגענטע יידן וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער תרופה צו ווערן „מיטליטן גלייך", דאַרף מען דאָך ניט דערציילן, און סיי־ווי איז שוין די טבע פון דעם סתם־אינטעליגענט צו וועלן זיך אויסשיילן פון דעם פּראָסטן המון, און די שפּראַך

איז אייגנטלעך דער וויקעוודיקסטער מיט לצו דערפילן זיין אַמביציע.

פון דייטשלאַנד האָט זיך די השכלה פאַרשפּרייט קיין רוסלאַנד און קיין פּוילן, און עס איז געוואָרן אַ פאַרשטאַנענע זאַך, אַז וואָס נעענטער צו דייטש אַלץ בעסער דער יידיש, ביז וואַנען די פאַרריסענע נעז האָבן פּשוט אויפגעהערט רעדן אָדער שרייבן ווי דאָס פאָלק רעדט, נאָר פּשוט דייטש מיט יידישע אותיות.

פונדעסטוועגן האָבן זיך פאָרט אַרויסגערוקט פון צייט צו צייט אַזלעכע, וואָס האָבן איינגעזען, אַז פאָלק און שפּראַך זיינען צונויפגעפלאָכטן אַזוי, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן איינס, און אַז יידיש וואָרצלט אין פאָלק און מוז קריגן זיין תיקון דורכן פאָלק. אָט די פיאָנערן יידישיסטן, ווער מער, ווער ווייניקער באַוואוסטזיניק, זיינען געווען קעמפער, וואָס זיינען נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן.

מענדל לעפינס איבערזעצונג פון משלי און קהלת איז געווען אַ געוואַגטער טריט, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די פּרעטענציעזע משכילים. אָט דאָס האָט געקאָנט הייסן דער פאַרזיכדיקער אַרויסטרעט פון יידיש ווי אַ פאָלקס־שפּראַך. פון דעם זעלבן מין זיינען געווען אַקסענפעלד אין אוקראַינע און עטינגער אין פּוילן, הגם זייער אויפטו האָט שוין ניט געשמעקט מיט קיין פולווער. יהושע ליפשיץ איז שוין געווען אַ מער באַרעכנטער יידישיסט — אַן אמתער זייל פון דער עמך־קולטור.

וואָס אָט די פיאָנערן האָבן געהאַט אויסצושטיין איז ווערט באַשריבן צו ווערן כמו בעלעטריסטיק, און דאָס וועט נאָך מסתמא אַמאָל קומען. ניט נאָר דחקות, נאָר חוזק און שפּאָט איז אָפטמאָל געווען זייער גורל. די חברה מפיצי השכלה, וואָס האָט זיך שפּעטער געגרינדעט, האָט געהאַט אירע פאָרלויפערס, אויב אַפילו ניט אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרעם. די פּיילן, וואָס זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן אויף אונדזערע העלדן, זיינען געקומען פון צוויי ריכטונגען — די העברייאישע קנאות, וואָס האָט אָנגעהויבן דערפילן אין יידיש אַ קאָנקורענט, און דער משכילישער סנאָביזם, וואָס האָט זיך געפּוצט אין דייטשישע פעדערן — און פאַר וועמען יעדער אויסדרוק פון פאָלק איז געווען אַ מין עם־הארצות. אייגנטלעך זיינען ביידע פּאָזיציעס געווען פאַרטראָטן פון די זעלביקע מענטשן. אַפילו איצט איז פאַראַן נאָך אַ נאָענטע שייכות צווישן דעם עקסטרעמען העברייאיסט און דעם יידיש־אויסלאַכער, וואָס זאָגט, אַז יידיש איז בלויז אַ פאַרדאָרבענער דייטש.

אין אַמעריקע, ווידער, האָט דער דייטשמעריש זיך פאַרשפּרייט דורך אַן אַנדער סיבה. אמת, דער סנאָביזם פון דעם אינטעליגענט, וואָס איז דאָס רוב געווען אַן אויטאָדידאַקט און האָט געזוברעוועט זיין קענטעניש פון פּאָפּולערע רוסישע און דייטשישע ביכער, איז איינגעשטאַנען אויך אין יענע זשורנאַליסטישע קרייזן, אָבער חוץ דעם איז געווען אַ נויט פאַר נייע ווערטער איבער־ צוגעבן פילאָסאָפישע און סתם וויסנשאַפטלעכע אויסדרוקן. האָט מען פּשוט איבערגעשריבן פון די דייטשישע ביכלעך. אויב מען זאָגט „עסן" אויף יידיש און אויף דייטש, טאָ פאַרוואָס זאָל מען ניט אַנטלייען פון דייטש „פאַרנונפט" און „צימליך", „דאַרשטעלן" און „פערהעלטניסמעסיג", און „עמפּפינדליכקייט" און הונדערטער נאָך אַזעלכע ווערטער? צו קאָנען דייטש האָט געהייסן קאָנען יידיש אַוודאי. איז טאַקע געווען גרינג צו איבערזעצן.

אַפילו די פּאָעזיע פון מאָריס ראָזענפעלדן און יהואשן איז ווייט ניט פריי פון דייטשמערישן, וואָס מען האָט באַדאַרפט האָבן צום מעטער אָדער צום גראַם. אַזעלכע ווערטער ווי „ניע" (קיינמאָל ניט) ווערן אין דער הייַנטיקער יידישער פּאָעזיע זיך ניט באַווייזן.

מיט אַ 30 יאָר צוריק האָט זיך גענומען שפּירן אַ ווידערווילן צום דייטשמעריש אין דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, און אַזוי ווי די שרייבער וואָלטן זיך צונויפגערעדט, איז פאַרגעקומען אַ שטיקל איבערקערעניש. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן צוזאַמען מיט די שטומע א'ס און ה'ען אַ סך ווערטער, ווי „זאָגאַר", „פאַסט", „אָבוואָהל", „ביינאַהע", „ווערענד" א. אַז. וו. אָט די שטימונג האַלט נאָך אַלץ אָן, באַזונדערס ביי די פּראָגרעסיווערע שרייבער, אָבער עס געפינט זיך נאָך גענוג ווילדגראָז אין אונדזער יידיש, וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן. מודה זיין מוזן מיר, אַז די שפּראַך פון „די יודישע גאַזעטטען", לאָמיר זאָגן פון 1895, איז אַזאַ מהלך פון דער שפּראַך פון די הייַנטיקע יידישע צייטונגען, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע שפּראַכן. ענגליש האָט ניט דורכגעמאַכט אַזאַ שינוי אין 200 יאָר ווי יידיש אין די 50 יאָר יידישע פּרעסע.

און וואָס איז געוואָרן מיט די אַלע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן? אויף וואָס האָט מען זיי פאַרביטן? איז דער תירוץ: מע האָט זיך געכאַפּט, אַז כמעט אָט די אַלע באַגריפן זיינען געווען ביי אונדז, נאָר מע האָט זיי פאַרגעסן און ביסלעכווייז האָבן זיך איינגענאַדיעט דייטשישע ווערטער. פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך נייע ווערטער מוזן געשאַפן ווערן, אָבער דאָס האָט מען געמאָגט טאָן אין גייסט פון אונדזער פאַרפונדעוועטן יידיש.

דער וואונדער איז, וואָס כמעט אין איין צייט האָבן שרייבערס אין פאַרשיידענע לענדער גענומען בודק זיין דעם גערמאַנישן חמץ אין אונדזער שפּראַך, און ווען עס איז געקומען צו אַ וואָרט וואָס האָט ניט געקלונגען יידישלעך, האָט מען פּשוט דערפילט בחוש אַז עס איז פרעמד, אַפילו ווען עס איז שוין אַריין אין דער ליטעראַרישער שפּראַך.

אַ סך אָבער האָבן געמאַכט דעם טעות, מיינענדיק אַז דער דייטשמעריש איז באַשטאַנען פון דער פאָרעם פון וואָרט, וואָס זיי האָבן געביטן אַן אות אָדער אויסגעלאָזן אָדער צוגעלייגט אַן אות פון דעם לכתחילהדיקן

דייטשישן אויסדרוק און דערמיט האָבן זיי גערעכנט איז דאָס וואָרט שוין כשר. אויב מען זאָגט „אויסגע־מידעט" אַנשטאָט „ערמידעט", הייסט דאָס נאָך ניט פּטור געוואָרן פון דעם דייטשמעריש; דאָס זעלבע איז מיט „ערוואַכט" און „ערזאַץ" און „ביטע".

דאָ שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי קאָן מען פאָרט דערקענען צווישן אַ יידישן און אַ דייטשישן וואָרט, און נאָכמער, וואָס טוט מען אַז קיין יידיש וואָרט צו פאַר־נעמען דעם פלאַץ פונעם דייטשישן איז ניטאָ צו דער האַנט?

אויף דער ערשטער שאלה קאָן מען לערך אַזוי ענטפערן: יענע קלאַנגען, וואָס מען האָט געהערט גאַנץ אָפט צווישן אונדזערע עלטערן און אורעלטערן, זיינען יידיש. יאָ, עס גייט פשוט אין קלאַנגען. עס זיינען פאַראַן קלאַנגען, וואָס ווי שיין זיי זאָלן ניט זיין, זיינען זיי אָבער ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם יידישן שטייגער, און עס זיינען פאַראַן קלאַנגען, וואָס, מעגן זיי גרילצן אין די אויערן פון די בן־גוריונס און אַנדערע אַנטי־יידישיסטן, זיינען זיי אָבער אָפּגעקליבן דורך אַ דורות־דיקן פּראָצעס און בלייבן אונדזערע שפּראַכיקע אָדער פאָנעטישע עלעמענטן.

וואָס מער שפּראַכן מיר קאָנען (און — ס'איז טשי־קאַווע — כדי מבחין צו זיין צווישן יידישע און דייטשי־שע אויסדרוקן מוז מען קאָנען גוט דייטש), אַלץ מער ווערן מיר דערפילן אָט יענע שאַטירונגען, יענע גרענעץ־ליניעס, וואָס אין זיי שטעקט דער חילוק צווישן שפּראַך און שפּראַך. קודם כל דאַרף מען זיך צוהערן צום פאָלק, ד. ה., צום פאָלק, וואָס דורך אים האָט גערעדט מענדעלע אָדער שלום־עליכם, ניט צום פאָלק וואָס זיין לשון איז אַ געמיש פון פרעמדע שפּראַכן; דערנאָך מוז מען נאָך האָבן אַ גוטן זכרון, כדי צו גע־דענקען וואָס מע האָט געהערט, און אויפן סוף מוז מען האָבן אַ חוש פאַר שפּראַך.

לאָמיר איצט נעמען עטלעכע ביישפּילן, כדי צו באַגרינדן די טעזע.

פון די צוויי ווערטער, צייגן און ווייזן, איז ביי מיר קיין שום ספק ניט, אַז ווייזן איז יידיש און צייגן איז דייטשמעריש. עס מאַכט ניט אויס, וואָס מען הערט צייגן אַזוי אָפט ביי די „אויפגעקלערטע", און מען זעט עס אַזוי אָפט אין שריפטן. וואָס איז מכריע דאָ איז דער פאַקט, וואָס אין דייטש ווערט „צייגן" אַ סך מער באַ־נוצט ווי „ווייזן", וואָס האָט אָפּנים ניט אַזאַ ליטעראַרישן יחוס ווי „צייגן", און צווייטנס, וואָס פון אונדזערע זיידעס און באָבעס האָט מען געהערט ניט צייגן נאָר ווייזן. אויב עמעצער האָט געזאָגט „צייגט מיר", איז דאָס שוין געווען מעשה אַנשטעל, מעשה אינטעליגענט. גיכער וואָלט שוין אַזאַ געזאָגט: „פּילייכט ווילן זיי מיר צייגן", רעדנדיק דירעקט צו עמעצן. דער קלאַנג צייג גופא איז ניט דורכאויס פרעמד. מיר זאָגן „צייג" אין דעם זינען פון שטאָף. צייג, ווידער, איז דער לשון רבים פון צויג. און געצייג איז אויך אַ יידיש וואָרט.

הגם עס וואָלט בעסער געווען צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט מכשירים אָדער כלים, אָבער צייגן ווי אַ ווערב איז פאָרט דייטשמעריש, און דערפאַר איז שוין איבערצייגן ממילא אַ שטיקל דייטשמעריש, אָבער ווי אַזוי קאָן מען אַנדערש איבערגעבן דעם דאָזיקן וויכטיקן באַגריף? וועגן דעם האָב איך טאַקע געקלערט, און עס דוכט זיך מיר, אַז מען מוז זאָגן, אין דעם נוסח פון פאָלק, „דערוויזן", למשל, „ער האָט מיר דערוויזן", און אַפילו: „ער איז דערוויזן געוואָרן, אַז דאָס איז אַן עוולה."

דאָס זעלבע איז מיט די אַלע ווערבן, וואָס האָבן דעם שורש „שפּרעך". שפּראַך גופא איז יידיש (אגב, אַ ביסל געמלט פון דעם דייטשישן וואָרט שפּראַכע), פונקט ווי דער אַדיעקטיוו שפּראַכיק, וואָס איז שוין אויך ניט דאָס ווי דאָס דייטשישע „שפּראַכליך", אָבער זאָל דער לייענער אַליין זאָגן צי איז „שפּרעכן" יידיש, און אויב ניט, זיינען פאַרשפּרעכן, באַשפּרעכן און אַנט־שפּרעכן אויך ניט קיין יידיש. אַוודאי דאַרף מען פאַר־בייטן דאָס ערשטע וואָרט אויף צוזאָגן, און „באַשפּרעכן" אויף אַרומרעדן. מיט „אַנטשפּרעכן" איז שוין אַ ביסל אַ קאָפּדרייעניש. דער באַגריף איז ניט געווען אין דעם וואָרט־אוצר פון אונדזערע אורעלטערן, אָבער אַ וואָרט איז פאָרט דאָ, וואָס זאָל זיין אַ ממלא־מקום, און דאָס איז „פּאָרן" אָדער „זיך גראַמען". צי איז ניט יידיש־לעכער צו שרייבן, אַז דער דאָזיקער באַגריף פּאָרט זיך מיט יענעם, ווי „דיזער פאַקט אַנטשפּרעכט יענעם באַ־גריף"? אַפילו „אויסגעשפּראָכענער" — איז אויך דייטשמעריש. שרייבן דאַרף מען: „ער איז אַן אַרויס־געזאָגטער [סאָציאַליסט], אָדער אַן „אויסדריקלעכער סאָציאַליסט".

וואו נאָר עס איז פאַראַן אַן אַלטע יידישע פאָרעם מוז מען דאָס אויסזוכן, כדי אָפּצורייניקן דעם דייטש־מעריש פון אונדזער מיטע. דערפאַר שרייב איך „לי־ווערן" און ניט „ליפערן", פונקט ווי מיר האָבן אַלע גענומען שרייבן „בריוו" אויפן אָרט פון „בריף" און מיט אַ קאַרגע 35 יאָר צוריק נאָך פלעג איך אין די נייעס שרייבן „איבערענטפערן" און ניט „אויסליפערן".

## אויסדרוקן, וואָס מען דאַרף אויסמיידן

איך האָב כסדר געהאַט אין זינען צוויי פּרינציפּן: (1) צו מאַכן אַ מחיצה צווישן יידיש און דייטש; (2) צו שטיין נאָענט צום פאָלק, וואָס איז דער טרעגער, אויב ניט דער באַשעפער פון דער שפּראַך. דערפאַר האָב איך אויסגעמיטן אַזעלכע ווערטער ווי „באַצויבערט" (באַ־כישופט), „געשפּענסט" (רוח), „אומאַנטגעלטלעך" (אָן שכר, בחינם) און אַפילו דאָס וואָרט „געלונגען", וואָס איז מיר ניט צום האַרצן. אונדזערע עלטערן פלעגן זאָגן: „עס האָט זיך מיר איינגעגעבן", אָדער „עס איז געראָטן", טאָ מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי „עס איז מיר געלונגען", אָדער דער זייער ניט־געראָטענער אַנגליציזם „עס האָט געאַרבעט"?

## שרייבערישע פוילקייט

און זאָלן יענע שרייבערס, וואָס קלאַמערן זיך אָן די דייטשמערישן מחמת זיי ווילן זיך ניט דולן אַ ספּאָדעק צו געפינען דאָס פּאַסיקע יידישע וואָרט, ניט מיינען, אַז איך שאַף נייע ווערטער. ניין, די ווערטער זיינען פאַראַן, נאָר מען דאַרף זיי געדענקען פון הערן און לייענען, ניט גייסטיק זיך אויסלעבן פון האַנט צו מויל, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ סך פון די טאָג־שרייבערס טוען, כדי אָפּצופּטרן אַן עסק. עס איז דאָ ביי אונדז יידן אַ פרומער עפּיגראַם, וואָס האָט אין זיך אַ סך אמת. צי שלמה המלך איז געווען דער, וואָס האָט עס לכתחילה געזאָגט, אָדער ניט, מאַכט אונדז ניט אויס, אָבער פאַרטראַכטן זיך אויף דעם מעג מען. דאָס ווערטל איז „ראשית חכמה יראת יי"..  מיר דאַרפן נאָר פאַרבייטן דעם יראת יי אויף טייער האַלטן דעם פּרינציפּ; און דער תוכן איז דער זעלבער. דער צוגאַנג צו יעדער חכמה, און אויך צו דער חכמה פון שרייבן, איז דורך אַן אויסגעהאַלטענער גאַנצקייט. אַ ציניקער קאָן קיין יידיש אויך ניט שרייבן. אפשר וואָלט מען דאָ געקאָנט דערמאָנען דעם נאָמען פון אַן אמתן שפּראַך־קינסטלער, וואָס איז געווען אַ ציניקער. איז ערשטנס, קאָן מען דאָ געבן אַלע דריי תירוצים פון דער יידענע מיטן טעפּל. לכל הפחות איז אויסגעשלאָסן, אַז זיין באַציאונג צו יידיש זאָל האָבן געווען אַ ציניש, און אויב ער איז געווען בכלל אַ ציניקער, האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין זיינע שריפטן אויף אַנדערע אופנים.

אמת איז, אַז אין דעם פּראָצעס פון רייניקן די שפּראַך קומט אונדז אַמאָל אָן מיט קריעת ים סוף צו קריגן אַ דורכאויס־יידישן וואָרט. וואָס זאָל מען טאָן מיט אַ באַגריף ווי „אונענטבעהרליך", וואָס אַ סך שרייבן אומענטבערלעך און מיינען, אַז דורך בייטן צוויי אותיות און אַרויסוואַרפן דעם ה' איז שוין דאָס וואָרט געוואָרן יידיש? ניין, אומאַנטבערלעך איז דייטשמעריש, און טאָר ניט אַריין אין אונדזער וואָרט־אוצר. מיר מאָגן זיך פאַרגינען אַן אַרומשרייבונג, פונקט ווי די פראַנצויזן, שוין אָפּגערעדט פון דעם העברייאישן שבט אין פּאַלעסטינע, וואו „פּראָגרעסירן" ווערט אַמאָל פאַרטייטשט אויף שים צעד לפניו. אַז מען וויל, אָבער, שיילט מען אַרויס דעם קערן פון דעם באַגריף און מען פורעמט אויס אַ וואָרט אין גייסט פון אונדזערע עלטערן. אַט וואָס מיינט „אונענטבעהרליך" (indispensable)? פּשוט, עפּעס אָדער עמעצער וואָס מען קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם אָדער אָן אים. איז אויב אַזוי דאָס וואָרט „אָנבאַגיילעך" אָדער אפשר כדי צו באַטאָנען, „אָנאויסבאַגיילעך". פאַרוואָס זאָל מען טאָקע ניט קאָנען זאָגן, אַז דער־און־דער איז אַן „אָנאויסבאַגיילעכע פיגור אין דער באַוועגונג"? ביי מיר איז אויך רעכט צו שרייבן אומפּאַרקירצט: „דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס אָן אים האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין."

צווישן די אויסדרוקן, וואָס מען דאַרף פאַרוואַרפן, איז דאָ דאָס וואָרט „דראָען", וואָס שרייט געוואַלד, דייטש! אָדער מען זאָגט „סטראַשען", אָדער אַניט — „לויערן". למשל, „אַנשטאָט „עס דראָט אַ געפאַר"— עס לויערט אַ סכנה. מיטצייטלער איז אויך אַ שטיקל דייטשמעריש. פאַרוואָס ניט בן־דור?

אַפילו „דערוואַרטן", שוין ניט רעדנדיק פון „ערוואַרטן", וואָס מען זעט נאָך געגנוג אין יידישע צייטונגען, איז אויך ניט יידישלעך, סיידן אין דעם זינען פון „וואַרטן ביז צום סוף". למשל, „מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף היטלערס מפּלה", אָבער פאַראַיאָרן, האָט מען ניט געקאָנט מיט רעכט זאָגן „מיר דערוואַרטן היטלערס מפּלה", נאָר „מיר ריכטן זיך", אָדער „מיר קוקן אויס אויף", אָדער „מיר האָפן אויף היטלערס מפּלה".

אויך „דערפאַרונג" איז ניט יידישלעך. דער ד' טוט דאָ גאָר ניט אויף. דאָס וואָרט, ווי אונדזערע עלטערן וואָלטן עס אַרויסגערעדט, איז „דערפאָרעניש", פון וואָרט „דערפאָרן" (אָדער ניט־דערפאָרן). אגב, אַ בטלן האָט אויסגעטראַכט די לעגענדע, אַז דער אויסדרוק שטאַמט פון „ניט דערפאָרן צום באַרג סיני".

יאָ, לאָמיר רעווידירן אונדזערע ווערטער און פראַזן אין אונדזער שרייבן, וועט זיין מער פּעולהדיק, וואָרים דאָס וואָס מיר האָבן צו זאָגן וועט זיין מער אויסדריקעוודיק (ניט אויסדרוקספול), ווייל עס וועט ניט הענגען אויף דעם די דייטשישע טענדע־ווערענדע, נאָר עס וועט רוען אויף דעם דער חן פון דער צאינה־וראינה פון די לעצטע אויפלאַגעס, נאָר אַ ביסל אויסגעאיידלט און פאַרפיינט אין איינקלאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

צו די וואָס באַקלאָגן זיך, אַז עס פעלן ווערטער, זאָג איך: ניט קיין ווערטער פעלן, נאָר פּשוט דער ווילן צו טראַכטן, צו שלייפן; עס פעלט דאָס וואָס דער אַמעריקאַנער רופט אָן „גריט". מענדעלע האָט עס געהאַט; דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו זיין דער ערשטער קינסטלער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן אַ לאַד אין דער שפּראַך קאָן ניט זיין קיין ליטעראַטור, פונקט ווי אָן די רעכטע בוי־מאַטעריאַלן קאָן ניט געשאַפן ווערן קיין בנין.

עס וואָלט געווען כדאי צונויפצושטעלן אַ קליין ווערטערביכל מיט דייטשמערישן אין איין עמוד און אין צווייטן עמוד די ווערטער וואָס דאַרפן זיי פאַרבייטן. אַט למשל:

| | |
|---|---|
| איינלאַדן: פאַרבעטן | שריט: טריט, טראָט |
| ווײלן: אויסקלייבן | דאַרשטעלן: מסביר זיין, איבערגעבן |
| לעזן: לייענען | צימער: שטוב, חדר |
| זיך איבערציען: זיך אַריבערקלייבן | ערע: כבוד |
| ליבנסווירדיק: ליב־האַרציק | פייערן: פראַווען, אָפּריכטן |
| באַרייען: חרטה האָבן (אויף) | ציען די אויפמערקזאַמקייט: צוקאָפּיק מאַכן |

פאַרניכטן : פאַרטיליקן, צעשטערן
צוג : **באַן**
רעטן : ראַטעווען
פאַראורטיילן : פאַר־משפטן
זאָגענאַנט : אַזוי־גערופן
זעלבסט : זיך, גופא
שליכטן : אויסגלייכן
ענדערן : בייטן, משנה־זיין
אונטערברעכן : איבער־שלאָגן
געברויכן : באַנוצן
זעלבסטשטענדיק : פאַר זיך, פאַרזיכדיקע
קאָנסעקווענט : אויס־געהאַלטן

איך האַלט, אַז אַזעלכע ווערטער ווי „ערפינדונג“, אָדער שוין מיטן ד — דערפינדונג, מוזן גיין פון אונדזער וואָרט־אוצר. אַן „ערפינדונג“ איז פשוט אַן „אויסקלער“. „הינריכטן“ איז אַוודאי און אַוודאי דייטשמעריש. אָבער ווי אַנדערש קאָן מען זאָגן ? דער ייוואָ, דורך זיינע פילאָלאָגן, האָט פאָרגעלייגט „קעפן“, וואָס איז דוכט זיך גאָר ניט פאַסיק, וואָרים די „מערסטע „הינריכטונגען“ ווערן דאָך גאָר ניט דורכגעפירט דורך אָפּהאַקן קעפ, וועלן מיר דאָך בלייבן צעמישט, ניט ווייסנדיק ווי־אַזוי און וואָס. האַלט איך דערפאַר, אַז אויפן אָרט פון „הינריכטן“ דאַרף מען זאָגן דער־משפטן, וואָס איז, הייסט עס, די לעצטע מדרגה פון משפטן. דער אופן פון טויט בלייבט אומבאַשטימט, ווי אין execute אָדער הינריכטן.

איך ווייס וואויל, אַז עס זיינען דאָ שרייבערס, אָפּגעהיטע אין זייער דיקציע, וואָס האָבן רחמנות אויף די דייטשמערישן, אָדער אפשר גיכער ווילט זיך זיי ניט אָנווערן טויזנטער ווערטער. אַזאַ היזק האָט אַ באַטייט פאַר אַ שפּראַך ווי יידיש, וואָס איז ניט צו רייך אין אויסדרוקן. אַנומלטן האָב איך געזען אַזאַ מין איינשטעלעניש פאַרן וואָרט „איינלאַדן“, אויפן גרונט, וואָס ניט אַלעמאָל קאָן מען זאָגן „פאַרבעטן“, אָט למשל צו אַ לויה פאַרבעט מען ניט. אָבער צי ווייס דען ניט דער זעלביקער מליץ־יושר, אַז צו אַ לויה לאַדט מען אויך ניט איין ? און אַז „פאַרבעטן“ קאָן באַנוצט ווערן אומעטום וואו „איינלאַדן“ געשיקט זיך ? איי, פאַרוואָס ניט האַלטן ביידע ווערטער, כדי מיר זאָלן האָבן וואָס־מער סינאָנימען ? איז דער תירוץ, אַז סינאָנימען טויגן נאָר ווען זיי זיינען צונויפגעקניפט מיט דער שפּראַכיקער טראַדיציע פון פאָלק, און אויב ניט — זיינען זיי אָנגעוואָרפענע ממזרים. סינאָנימען קאָנען מיר צונויפשלעפן פון אַלערליי שפּראַכן, אָבער וואָס וועלן מיר פון דעם האָבן ? ערשט אַז מיר האָבן זיך שוין באַוואָרנט מיט אַ ריינער שפּראַך, קאָנען מיר זיך פאַרגינען צוצוקריגן נייע ווערטער. בעסער 6 אייגענע ווערטער ווי 60 פרעמדע ווערטער, וואָרים אָט די 6 וועלן ווערן בטל בשישים צווישן די פרעמדע.

די טענה לטובת איינלאַדן און נאָך אַזעלכע דייטשמערישן אויפן סמך פון דער נויטיקייט צו באַרייכערן די שפּראַך, דערמאָנט מיך אָן דעם כעלמער מלמדס באַמערקונג, אַז ווען ער איז ראָטשילד, וואָלט ער געווען רייכער ווי ראָטשילד, וואָרים ער וואָלט נאָך צוגעקנעלט אַ ביסל. לאָמיר זיך צופרידנשטעלן מיט אונדזער אייגן האָב־און־גוטס, וועלן מיר ניט דאַרפן אָנקומען צו קיין פרעמדע.

אַ קנאַפער וואונדער, וואָס מען האַלט אונדז כסדר אין אויפוואַרפן, אַז יידיש איז כמעט דורכאויס דייטש. אַפילו אַזאַ בקי ווי דר. שלמה בירנבוים מיינט, אַז יידיש באַשטייט פון 85 פראָצענט דייטש. נעענטער צום אמת איז שוין געווען דער פאַרשטאָרבענער פראָפעסאָר לאָאַ וויענער פון האַרוואַרד, וואָס נאָך פאַר 40 יאָרן, ווען יידיש איז געווען ממש פאַרפלייצט פון דייטשמערישן, האָט ער געשריבן, אַז דייטש מאַכט אויס 70 פראָצענט פון די עלעמענטן אין יידיש.

ווי קומט עס, וואָס בירנבוים זאָל אויף אַזוי פיל אידענטיפיצירן יידיש מיט דייטש ? דער ענטפער איז, אַז מיט אַ פאָר אויסנעם־פאַלן זיינען אַלע גאַליציש־עסטרייכישע יידישע שרייבערס אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשה, ד. ה., זיי פאַרדייטשעווען דעם יידיש. נתן בירנבוים איז אַוודאי געווען אַ זייער וואַרימער ייד, פונקט ווי ער איז געווען אַ פאַרביקע פערזענלעכקייט און טאַקע דער פאָטער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז ער דאָך אַוודאי געווען איינער פון די זיילן פון דער יידישיסטישער באַוועגונג. איז אָבער זיין זשורנאַל געווען פול מיט מאָדנע באַרבאַריזמען. דוכט זיך, אין דעם ערשטן זאַץ פון דעם סאַמע ערשטן אַרטיקל האָט ער געשריבן „מען האָט אין מיר אַריינגערעדט“, אָנשטאָט „מען האָט מיך איינגערעדט“ אָדער „צוגערעדט“. אַן אויסגעצייכנטן קאַרטון האָט בשעתו געדרוקט „דער גרויסער קונדס“ — ווי נתן בירנבוים שטייט אויף דער פלאַטפאָרמע און שרייט מיט התלהבות אויס אויף יידיש: „יודיש אונד נור יודיש, דאַס איזט אונזערע שפּראַכע !“

יאָ, מען קאָן זיין אַ ליבער מליץ־יושר פון יידיש און מען קאָן זיך זיין אַ גוטער איבערזעצער פון יידיש, אָבער יידישער נוסח אין שרייבן — דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך.

צוריקקומענדיק צום פראָצענט דייטש, וואָס איז פאַראַן אין יידיש, וואָלט איך געזאָגט, אַז 65 פראָצענט איז אַ סך, און אַז דערצו דאַרף נאָך קומען אַ שטיקל אויסרעדעניש, וואָרים אַ שלל מיט ווערטער וואָס שטאַמען פון דייטש באַטייטן ניט דאָס זעלבע ווי אויף דייטש. און זאָלן די יידיש־דייטשישע פאַטריאָטן ניט מיינען, אַז איך האָב עפּעס צו דייטש, אָדער אַז עס פאַסט ניט דער יחוס. ניט דער יחוס, נאָר דער נוסח (די טראַדיציע וואָס איז היפשלעך ווייט פון דער סעמיטישער ירושה) פאַסט זיך דאָ ניט אַריין.

**פּאָסט־סקריפּטום**

זייער ווינציק פון די לייענערס ווייסן מסתמא פון דעם דזשואיש קאָנטעמפּאָראַרי רעקאָרד — אַ צוויי־חודשניק, וואָס דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע גיט אַרויס אין 128 זייטן. מיר איז געווען קשה וואָס די רעדאַקציע האָט זיך געווענדט צו מיר נאָך אַן אַרטיקל

# ווען ער וואָלט זיין דאָ!

## פון מאַרק שאַגאַל

ס׳איז היינט ניט די צייט צו שעצן און איבערשאַצן פּרצן — זיין קונסט, זיין סטיל. איך קאָן ניט היינט חלומען מיט זיינע שורות ווי אַמאָל.

פאַר אונדזערע אויגן שטייט דאָך זיין חרובע מצבה, אָן גראָזן און אָן יידישע אותיות.

מיר קאָנען ניט שווייגן, מיר קאָנען ניט רעדן וועגן זיין וועלט, ווען דער קינסטלער אַליין איז אַריינגעפאַלן אין אָפּגרונט.

דאָס לאַנד, דאָס פאָלק־דייטשלאַנד האָט זיך פאַר־נומען צו צעשטערן אונדזער קונסט. זיי האָבן אונדזערע קינסטלער באַגראָבן און אויסגעגראָבן.

— עס איז ווייניק צו פאַרשעלטן דאָס לאַנד פון ניצשע און וואַגנער...

אָבער ווער פון אונדז גייט עס היינט אין פּרצעס דרכים?

מיר דוכט זיך אַמאָל, אַז ניט מיר, לעבעדיקע, גייען אין זיינע וועגן, נאָר די טויטע, די געפאַלענע קדושים און יענע טויזנטער העלדן פון דאָ און דאָרטן.

צו פּרצעס דרייסיק יאָר האָבן מיר אַליין — מיר קינסטלער, געדאַרפט זיך אַ ביסל אַרומקוקן. — צי ליגט ניט ביי אונדז די קונסט אויסגעשפּרייט צו די פיס ווי אַן אַלטער טעפּיך?

מיר האָבן געדאַרפט אפשר פאַרלאָזן עפּעס־וואָס, און זיך אַ לאָז טאָן מיט אַ שטעקל און זאָק נאָך אונדזער קונסט און אויך צו פּרצן — צום וועג פון אונדזער אידעאַל און רענעסאַנס.

ווען מיר וואָלטן קאָנען מאַכן כאָטש אַזאַ סימ־באָלישע רעוואָלוציע... וואָס קאָנען מיר? — מיר פאַר־שליסן די טיר נאָך זיך.

אָבער איך גלויב אין אונדזער באָרוועסן פאָלק, אַז עס וועט אַרויסקריכן ענדלעך צוריק פון זיין געטאָ־קבר — מיט די פיס פאָראויס און מיט די הענט אין ליים, און וועט אויפשרייבן אין די הערצער פון אונ־דזערע קינדס־קינדער נאָך אַמאָל אַ נייע פאָלקסטימ־לעכע ביבל.

און אפשר וועל איך אַליין האָבן נאָך כוח מיט בלוטיקער פאַרב אויסמאָלן אונדזער גלות מיט דעם טויט־וואָגן.

נאָר דורך אונדזער פאַראייניקטער ברידערלעכער נקמה־שאַפונג וועלן מיר אויפלעבן פּרצעס מצבה און אויפלעבן אויך נייע שאַפער. מיר וועלן ברענגען זי צו פּרצן, צו זיין נייעם יום־טוב.

פאַרבליבענע אויף דער ערד, וועלן מיר אים אַריבערפירן צוריק מיט כבוד אויף זיין בית־עולם און באַהאַלטן אים אין אַ ניי שטיבל.

---

איך האָב אַמאָל געטרוימט צו מאָלן פּרצעס פאָלקס־טימלעכע געשיכטן. עס איז מיר געלונגען נאָר צו מאָלן איין פאָלקסטימלעכע מעשה.

פון דעמאָלט בין איך אַוועק אפשר אויף אַנדערע קונסט־וועגן.

אָבער וואָס מער די צייט גייט, אַלץ מער פילן מיר, ווי פּרץ פעלט אונדז — דער מענטש, דער קינסטלער.

עס איז דאָך ווייניק — זיין אַפילו אַ זשעני. מען דאַרף אויך זיין אַ מענטש. און אַזוי, דאַכט זיך מיר, איז גאָר ניט פּרצעס קבר צעשטערט, נאָר מיר אַליין, די לעבעדיקע, זיינען צעשאָטן און צעוואָרפן.

און ווי איך רעד אַזוי די ווערטער — ווערט מיר טרויעריק. איך קאָן זיך ניט העלפן. איך ווער רויט פון בושה.

עס ווילט זיך מיר וועמען בעטן: „שטראָף מיך ניט מיט דעם געפיל פון פרעמדקייט צווישן ברידער צעשיידטע און צעקריגטע.“

און ווי איך רעד אַזוי, — ווער איך פאַרוויקלט ווי אין תכריכים־ליכט — און פאַל אַריין אין אַ חלום־גרוב.

איך זע: אַ צעבראָכענער זייגער, ווי אַן אַלטער זקן קלייבט צונויף זיין האָלץ — זיינע קליידער — און זעצט זיך זאָגן נאָך מיר תהילים.

דער הימל האָט צונויפגעקליבן זיינע שיטערע וואָלקנס. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער פינצטער, ווי שוואַרצע תפילין־רצועות. איך ווייס ניט — וואו אַהינצוטאָן מיין גוף.

אָט איז דורכגעפלויגן אַ ווייסער שאַל, ווי אַ דינער רוח, און זיך אָנגעוואָרפן ווי אַ חופּה־בערגל אויף מיין בעט.

איך שריי אויס, איך כאַפּ עס אָן: דאָס איז מיין יידיש בילד, וואָס גיט מיר כוח.

איך הער זיך צו — עס רעדט.

עס שמעקט פון דעם מיט שטיקענדיקן גאַז. איך קוש עס. עס שוועבט. עס פאַלן טרערן פון זיינע נאַסע מיידלשע באַקן. עס זאָגט מיר אָן — עס לעבט...

פּרצעס וועלט איז געווען אַ טייל פון דעם בילד. און אַפילו זיין „יענע וועלט“ איז אונדזער צוקונפטיק בילד...

דאָס וואָס ער האָט אויסגעחלומט, איז נאָר אַן אָנזאָג פון דער וועלט.

די וועלט האָט ער געזוכט ביי זיך און ביי די יונגע טאַלאַנטן.

ווען יונגע טאַלאַנטן וועלן ביי אונדז בליען ווי בלומען — וועט פּרץ לעבן אויף דער וועלט און יענער וועלט.

---

מאַרק שאַגאַלס און ב. צ. גאָלדבערגס פּרץ־אַרטיקלען, וואָס ווערן דאָ געגעבן, זיינען די רעדעס, וואָס זיינען דורך זיי געהאַלטן געוואָרן אויף דער פּרץ־פייערונג, דעם 5טן מאַי, אין ניו־יאָרק. — רעד.

די גרייס פון פרצן איז געווען, וואָס ער האָט אַריבערגעוואָקסן די ראַם פון קונסט און ער האָט געמוזט אַריינגיין אין דעם לעבן. און אין לעבן איז ער געווען אין די פאָדערשטע רייען, ווייל אין די הינטערשטע רייען איז קיין קונסט ניטאָ.

ער האָט געטראָגן זיין לעבן און קונסט מיט אַזאַ זיכערער מאָס, וואָס מאַכט אים אַלוועלטלעך און עכט־יידיש. מאָדערן און קלאַסיש.

ער איז געגאַנגען אַזוי צום לעבן, אַז דאָס לעבן האָט זיך געבויגן פאַר אים און געוויזן אים וואונדער, וועלכע ער האָט אַריינגעוועבט אין זיין קונסט.

ווען ער וואָלט זיין דאָ — וואָלט ער געהיילט אונדזערע צעוויטיקטע הערצער און זאָגן: „לעבט אַזוי ווי איך האָב געלעבט און געטרוימט!" אַפילו ווען אונדזערע גאַסן זיינען פוסט געוואָרן און פון די הימלען קוקט נאָך אַלץ אויף אונדז דער טרויער. דער טרויער אָבער מוז זיך ענדערן און זיך אויסגיסן אויף אונדז מיט רעגן פון נייער פרייד.

# דער שרייבער דער קעמפער

## פון ב. צ. גאָלדבערג

דער נאָרמאַלער שרייבער לעבט ניט אין אַ סאָציאַלן וואַקוואום, אָפּגעשלאָסן פון זיין וועלט און זיין צייט.

איך זאָג נאָרמאַלער שרייבער, מחמת מיר, יידן אין אַמעריקע, האָבן יאָ אַזוינע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָסן פון זייער וועלט, פון זייער צייט, און פון זייערע לעזער אַפילו, און ווילן בשום אופן ניט אָנערקענען די געשעענישן פון די לעצטע פופצן יאָר, אויסער צו גיסן טרערן אויף זיי...

זיי, וואָלט איך אָנגערופן, די נישט־נאָרמאַלע שרייבער. דער נאָרמאַלער שרייבער איז אַליין אַ פּראָדוקט פון זיין צייט און זיין דור; און באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק רעפלעקטירט ער די וועלט, פון וועלכער ער קומט; אין אים, און דורך אים, זעען מיר דאָס לעבן און דאָס שטרעבן פון זיין דור, און אויב ער איז אַ גוטער שרייבער וועט ער אין דער אָפּשפּיגלונג פון זיין דור אויך אונדז אָפּשפּיגלען דאָס וואָס איז פונדאַמענטאַל אין אַלע דורות, און באַשרייבנדיק די מענטשן פון זיין צייט, וועט ער אונדז אויך באַשרייבן אַלע מענטשן פון אַלע צייטן — דאָס אַלמענטשלעכע און דאָס אייביקע.

י. ל. פרץ איז געווען אַ נאָרמאַלער שרייבער און אַ גוטער שרייבער.

און ער איז אויך געווען אַ גרויסער שרייבער. און דער גרויסער שרייבער איז מער ווי אַ שפּיגל פון זיין דור און פון זיין צייט, און מער אויך ווי אַ שפּיגל פון אַלע צייטן און אַלע דורות. דער גרויסער שרייבער האָט אויך אַ באַציאונג, אַ שטעלונג צו זיין צייט און דור. ער איז ניט נאָר אַ שרייבער, נאָר אויך אַ טרעגער פון אַן אידעאַל, און אַ קעמפער פאַר זיין אידייע. דער גרויסער שרייבער זיצט קיינמאָל ניט באַהאַלטן אין זיין קאַבינעט. נאָר קומט אַרויס אין דרויסן, אין דער אָפענער גאַס פון לעבן, קומט אַרויס און שטעלט זיך אין די רייען פון די וואָס קעמפן פאַר בעסערע צייטן פאַר אַלע דורות.

י. ל. פרץ איז געווען אַט אַזאַ גרויסער שרייבער.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשיידט פון פאָלק און זיך ניט באַהאַלטן פון לעבן, מחמת דאָס לעבן איז ניט אַזוי אָנגענעם, און דערפאַר וואָס דער קאַמף פאַרן לעבן איז ניט אַזוי לייכט — ווי עס טוען ביי אונדז היינט אַ טייל פון זיינע אַמאָליקע תלמידים. ער איז געווען אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם ערשטן טאָג פון זיין עפנטלעכן לעבן ביז זיין לעצטן טאָג. ער האָט געשריבן ניט נאָר סימבאָלישע מעשהלעך און פאַנטאַסטישע לידער, נאָר אויך פשוטע אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אין וועלכע ער האָט געמאָנט און געפאָדערט און קריטיקירט — ווי מיר טוען היינט. און אָפטמאָל איז דאָס, וואָס ער האָט געשריבן, געווען צו שאַרף און צו ביטער פאַר די, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט די יידישע גאַס פון וואַרשע, און זיי האָבן פּרובירט זיין שרייבן צו אונטערדריקן, ווי די הערשער איבער אונדזער היינטיקער יידישער גאַס ווילן אונטערדריקן די היינטיקע קריטיקער זייערע.

איך געדענק, מיט יאָרן צוריק האָב איך איבערגעקוקט דעם רעדאַקציע־„סייף" פון „טאָג", און דאָרטן געפונען פאַרמישט מיט אַנדערע מאַנוסקריפּטן פון אומבאַדייטנדיקע שרייבער עטלעכע מאַנוסקריפּטן פון י. ל. פרץ. איך האָב זיך גלייך צעפרעגט ווי אַזוי די מאַנוסקריפּטן קומען אַהער, און בין דערגאַנגען, אַז דאָס זיינען פעליעטאָנען וואָס דער גרויסער י. ל. פרץ האָט געשריבן פאַר יאַצקאַנס „היינט", און יאַצקאַן האָט זיי ניט געוואָלט דרוקן. ווייבאַלד ער האָט אָבער פאַר זיי באַצאָלט, האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר זיין אייגנטום, און אַז ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיי געבראַכט מיט זיך, אי זיך צו באַרימען, אַז ווען ער האָט

ניט געוואָלט, האָט ער אַפּילו דעם גרויסן פּרץ ניט געדרוקט, און אי — צו טאָן מיט זיי „ביזנעס". האָט ער זיי פאַרהאַנדלט צום „טאָג". אַ פּאָר פון זיי האָב איך דעמאָלט נאָך אָפּגעדרוקט אין „טאָג", אַ פּאָר זיינען שוין געווען עבר זמן — אָבער אין זייער צייט זיינען זיי געווען צו שאַרף פאַרן רעדאַקטאָר יאַצקאַן און פאַר דער פּוילן פון יענער צייט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר י. ל. פּרץ, וואָס זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט קהלשער טעטיקייט.

מיט יאָרן צוריק האָט אין פּוילן געלעבט אַ רייכער ייד, אַ משומד, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די שלעכטע רייד קעגן יידן וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין זיינע גויאישע קרייזן. האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַן אונטערזוכונג פון דער אמתער יידישער לאַגע אין פּוילן, ווי זיי לעבן און פון וואָס זיי לעבן — צו איבער־צייגן די גויים אַז די יידן לעבן ניט פון אויסזויגן די בלוט פון די גויים.

האָט ער, אויף זיינע הוצאות, אַרויסגעשיקט דריי מענטשן איבער די יידישע שטעטלעך פון פּוילן אויס־צופאָרשן די לאַגע פון די יידן און דאָס צו באַריכטן.

איינער פון אָט די אונטערזוכער איז געווען אַ יונ־גער יידישער אַדוואָקאַט, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן אַ העברייאישן שיר — אָט דאָס איז געווען י. ל. פּרץ.

און מיט דער דאָזיקער רייזע זיינער, האָט פּרץ געמאַכט דעם ערשטן איינדרוק אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

און געשטאָרבן איז פּרץ, פאַרטאָן אין וואָס מיר דאָ רופן אַן רעליף־אַרבעט, צו באַזאָרגן מיט עסן, מיט אַ בגד, מיט אַ היים, די קרבנות פון ערשטן וועלט־קריג.

אָט אַזוי ענג געבונדן איז דער גרויסער שריפט־שטעלער י. ל. פּרץ געווען מיטן לעבן פון זיין צייט, מיט די באַדערפענישן פון זיין דור.

ביי דעם סוף פון צווייטן וועלט־קריג, זיינען די קרבנות אַ סך מער, און די נויט אַ סך גרעסער — און דאָך האַלטן זיך אַ סך פון זיינע תלמידים ווייט פון קהלשער אַרבעט, ווי דאָס וואָלט געווען ניט אַן ענין פאַר שרייבער.

פאַרוואָס קוקן זיי ניט אויף זייער רבין?

י. ל. פּרץ האָט ניט נאָר פּראַקטיש געהאָלפן די מענטשן פון זיין צייט אין זייער קאַמף פאַרן לעבן, פאַר אַ בעסערן לעבן, ער האָט זיי אויך געהאָלפן מיט זיין קינסטלערישן שרייבן, מיט זיין שאַפן, מיט אָט די ווערק, וואָס פאַרבלייבן אַ גילדענער אוצר אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

פּרצעס ווערק זיינען קונסט, אָבער קונסט האָט אויך אַ זין אין שייכות מיטן לעבן. די אמתע קונסט איז ערשט דער זין, דער קאַמף פון לעבן.

וואָס איז פּרצעס דערציילונג „דאָס שטריימל", אויב ניט אַ קאַמף־מיטל קעגן דער דעמאָלטיקער הערשאַפט פון יידישן קלעריקאַליזם איבער דער יידישער גאַס? אָט דער מאָנאָלאָג פון קירזשנער מאַכט דאָך אַ תל פון דער גאַנצער אויטאָריטעט, ניט נאָר פון רבין, נאָר אויך פון בעל־טאַקסע, פון דעם פּרנס־חודש.

וואָס איז פּרצעס דערציילונג „באָנטשע שווייג", אויב ניט אַ מיטל צו וועקן אין דעם אונטערדריקטן, דערשלאָגענעם יידן מער רעספּעקט צו זיך אַליין, מער פאַרלאַנג צו אַ בעסער לעבן, מער מוט און קוראַזש צו פאָדערן מער פון לעבן און פון דער סביבה אַרום?

אָבער ניט נאָר אין קריטיק, אין אויפווייזן די נעגאַטיווע זייטן פון לעבן, איז געגאַנגען פּרצעס קונסט־ווערק. זיי האָבן אויך געוויזן דעם וועג צום פּאָזיטיוון וועג אין לעבן, געוויזן דאָס בעסערע, דאָס העכערע, דאָס שענערע אין לעבן — דעם אידעאַליזם פון „אויב ניט נאָך העכער" און די דערהויבונג פון „צווישן צוויי בערג".

אין אַנדערע ווערטער: פּרץ האָט מיט זיין שרייבן אויסגעלאַכט די אָפּגעשטאַנענקייט פון די יידישע מאַסן, זיי אָנגערעגט זיך ניט צו באַנוגענען מיט דעם וואָס עס איז, זיי געגעבן מוט צו קעמפן פאַר דעם וואָס עס דאַרף זיין, און זיי אויך געשילדערט, אויף אַ פּאָעטישן אופן, דעם ווי אַזוי עס באַדאַרף זיין.

אָט דערפאַר האַלט איך פּרצן פאַר אונדזער סאָ־ציאַלן שריפטשטעלער פון קלאַסישן דור, פאַרן שריי־בער וואָס איז אויך געווען אַ קעמפער.

און וואָלט דער גרויסער י. ל. פּרץ היינט געלעבט, בין איך זיכער, אַז איך ווייס וואו ער וואָלט היינט געשטאַנען, און מיט וועמען ער וואָלט היינט געהאַלטן — ער וואָלט ניט געהאַלטן מיט די פּוילישע פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן פון לאָנדאָן, ער וואָלט ניט געהאַלטן מיט די וואָס גראָבן נאָך היינט קעגן דעם פרייסטן און גלייכסטן לאַנד פאַר אונדזער יידישן פאָלק, אונדזער איינציקן פריינט היינט אויף דער וועלט. ער וואָלט געשטאַנען מיט די יידישע העלדן פון נייעם פּוילן, מיט די יידישע און פּוילישע קעמפער פאַר אַ נייעם, פרייען, פּראָגרעסיוון פּוילן, און פאַר אַ נייער, פרייער וועלט.

# יידישע קולטור

חודש-שריפט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-פאַרבאַנד (איקוף)

רעדאַקטאָר—נחמן מייזיל

רעדאַקציע-קאָלעגיע: ב. צ. גאָלדבערג, ז. ווייַנפּער, משה כץ, יעקב מילך, קלמן מרמר, לעאָן קאָברין, דר. א. קלומאַק

זיבעטער יאָרגאַנג
אָקטאָבער, 1945

♦ 10 ♦

New York, N. Y.
OCTOBER, 1945

אַבאָנאַמענט-פּרייז — אַ יאָר: $3.00; אין אויסלאַנד — $3.50

אַדרעס: YKUF, 189 Second Ave., New York 3, N. Y.

טעלעפאָן: GR. 7-9084


## די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע

פון **דר. ח. סלאָוועס** / פּאַריז

דער ענדגילטיקער, אָפיציעלער סך-הכל איז נאָך ניט אונטערגעפירט, אָבער דער חשבון פונעם בלוטיקן שניט איז שוין קלאָר. עס זיינען אומגעקומען דורך דער האַנט פון רוצח העכער פינף מיליאָן יידן. אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען דאָס פּוילישע יידנטום. אָפּגעמעקט דעם רוב מנין ורוב בנין פון די יידישע ישובים אין די באַלטישע לענדער, אין ווייס-רוסלאַנד און אין מערב-אוקראַינע. האַלב אומגעבראַכט די יידישע באַפעלקערונג אין רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד.

ניט צום ערשטן מאָל האָבן מיר אין אונדזער פינף-טויזנט-יאָריקער געשיכטע חורבן און פאַרניכטונג. ניט צום ערשטען מאָל שטויסן מיר זיך אָן אויף אונדזער לאַנג-לאַנגן וועג, אויף אומגליק און פּיין. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, בלויז אין דער אייראָפּייאישער תקופה אונדזערער, די קרייץ-צוגן, די אינקוויזיציע, דעם גירוש שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, די גזירות ת"ח און נאָך און נאָך. איבערמענטשלעכע עינוים — דאָס איז אונדזערער אַ מין יחוס-בריוו. שרעקלעכע קלעפּ און דאָך בלייבן שטיין אויף די פיס — ניט יעדער קאָן עס באַווייזן.

דער היטלער-חורבן איז דער שרעקלעכסטער אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. שרעקלעך — צוליב דעם גרויל פון זיין אכזריות. שרעקלעך — צוליב דער מאוימדיקער צאָל קדושים. שרעקלעך — צוליב דער צייט אין וועלכער דער בראָך איז געקומען.

מיט אַ ווילד-בעסטיאַלישער, און גלייכצייטיק וויסנשאַפטלעך-ראַפינירטער, רשעות זיינען אויסגע-ראָטן געוואָרן מיליאָנען יידן אין די אייראָפּייאישע קיבוצים, וועלכע זיינען געווען, אַ דאַנק זייער טיפן נאַציאָנאַלן איינגאַרט און זייער דורות-לאַנגן, איינגע-פונדעוועטן שטייגער, שיער ניט דער הויפּט-אָנשפּאַר פון אונדזער היינטצייטיקער יידישקייט. און דער אומ-גליק איז געווען גראָד אין אַ צייט, ווען אונדזער פאָלק שטייט אין אַן איבערגאַנגס-תקופה, ווען אַלע אַלטע לעבנס-פאָרמען און לעבנס-נאָרמען זיינען צעבראָכן און קיין נייע זיינען נאָך ניט אויפגעקומען — אַ תקופה פון אינערלעכער לויזקייט און פון קלענערער גייסטיקער וויטאַליטעט.

די תלינים פון מאַידאַנעק און אויסשוויץ האָבן אין תוך גאָרניט מחדש געווען. זיי זיינען די דירעקטע נאָכפאָלגער פון די אַמאָליקע דייטשע יידן-ברענער. די נאַציס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די ווירדיקע יורשים פון זייערע זיידעס און עלטער-זיידעס. די פראַגע, וואָס שטעלט זיך פאַר אונדז, איז, צי וועלן מיר אויך זיין די ווירדיקע יורשים פון אונדזערע זיידעס און פון אונ-דזערע עלטער-זיידעס.?

פינף מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען אויף קידוש-השם. זייער לעצטער בליק איז געווען באַהויכט מיט מאַרטירערטום, מיט קדושה, וואָס האָט געאַנקערט אין די טיפע יאָרטויזנטער פון אונדזער געשיכטע. האַנדלט זיך איצט וועגן די לעבן-געבליבענע, וועגן אונדז אַלע-מען, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון שונאס האַנט.

אונדזערע זיידעס, אַנטלויפנדיק פון די קרייץ-צוגן און אינקוויזיציע-שייטערן, פאַרלאָזנדיק אייגנוויליק שפּאַניע און פאָרטוגאַל, האָבן מיטגענומען אויף זייער דערנערדיקן וואַנדער-וועג אַן אינערלעכן כוח, וואָס האָט זיי באַשיצט קעגן אַלדאָס בייז, אַ כוח, וואָס האָט זיכער ניט פאַרהיט פון אינדיווידועלן אומקום אַ גע-וויסן טייל פון זיי, אָבער וואָס האָט זיי געמאַכט אומ-באַזיגבאַר אַלס געמיינשאַפט, אַלס בויער פון אַ נייעם יידישן פאָלקס-לעבן.

פאַרפינצטערט גאַנץ אייראָפּע, האָבן געוויסע קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן דערזען אין דער געטאָ־גזירה שיער ניט אַ דערלייזונג, אַן אויסוועג, אַ וועג צו דער צוקונפט. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז געטאָ הייסט אומקום, אַז אונדזער וועג איז ניט פאַר זיך און אין זיך, נאָר פאַר און מיט דער דרויסנדיקער וועלט — זאָל דאָס זיין אַפילו די דרויסנ־דיקע פּוילישע וועלט, מיט וועלכער מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל בלוטיקע ווידעראַנאַנדן — איז שוין געווען צו־שפּעט. די געטאָ־קייטן זיינען שוין געהאַנגען אומ־ברחמנותדיק־שווער אויף מיליאָנען יידן. און בעת די לעצטע יידישע אויפשטענדלער פון וואַרשע האָבן מיט געווער אין די הענט געפּראָוווט דורכרייסן דעם פייער־רינג, וואָס האָט זיך אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן, ווען זיי האָבן געפּראָוווט זיך אַרויסרייסן פון דעם אין־זיך צום דרויסן, צו די פּוילישע פּאַטריאָטן, זיינען זיי גע־פאַלן אין העלדישן, אומגלייכן קאַמף.

סיי אין די געטאָס פון וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע און לאָדז, סיי אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען פון פּוילן, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע און פראַנקרייך, און אַפילו אין די מאָרד־לאַגערן, האָט געפלאַקערט יידישער קאַמף. אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען — אָבער מיט אַן אומגעזעענער העלדישקייט. ניט בלויז באַוואָפנטער, אָפּענער קאַמף אויף טויט און לעבן, נאָר פאַרעקשנטער טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַר מענטשלעכער עקזיסטענץ.

קיין שום מוראדיקע מאַסן־שחיטות האָבן ניט איבערגעריסן אין די געטאָס די אַרבעט פון די יידישע אומלעגאַלע שולן, גימנאַזיעס, טעאַטערן, מוזיק־געזעל־שאַפטן, דאָס שאַפן פון יידישע דיכטער, שריפטשטעלער און קינסטלער. קאָן דען נאָך זיין אַ שטאַרקערער, אַ מער דערשיטערנדיקער אויסדרוק פון שעפערישן בטחון, פון טיפסטן גלויבן אין דער צוקונפט — אויב ניט יחידישער, איז געמיינשאַפטלעכער?...

אין מאָרד־לאַגער פון טרעבלינקע האָבן יידן אָר־גאַניזירט אַן אויפשטאַנד — און זיך געראַטעוועט. אין מאָרד־לאַגער פון אוישוויץ האָבן יידן אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד — און זיינען אומגעקומען. אָבער וויפל כוחות גייסטיקע דאַרף מען נאָך פאַרמאָגן כדי, אין די מאוימדיקע באַדינגונגען פון אַפּאָקאַליפּטישן מאָרד, צו פאַרנעמען זיך אויף אָרגאַניזירן אויפשטאַנדן?... און וויפל גייסטיקע גרויסקייט פאָדערט זיך אויף איינצו־אָרדענען — ווי עס איז געטאָן געוואָרן אין מאָרד־לאַגער פון בירקענאַו — פּאָרטראַגן פאַר „סעלעקציאָ־נירטע", דאָס הייסט, פאַר פאַרמשפּטע צום טויט, וואָס האָבן געדאַרפט געפירט ווערן אין עטלעכע שעה אַרום צו זייער גרויזאַמען גורל אין די גאַז־קאַמערן?...

וואָס פאַר אַ כוח האָט אונטערגעהאַלטן אונדזערע געפאַלענע ברידער אין זייער אומגלייכן קאַמף און אין זייער העלדישן מאַרטירער־טויט?... דער גלויבן, דער טיפסטער, נשמהדיקסטער גלויבן, אַז אונדזער פאָלק וועט איבערלעבן זיינע פאַרפאָלגער; די איבערצייגונג, אַז זיי קעמפן און שטאַרבן פאַרן יידישן כבוד, פאַרן יידישן גורל, פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. אין וועלכן לאַנד און אויף וועלכן פונקט פון ערד־קיילעך יידן זאָלן ניט האָבן גענומען דאָס געווער קעגן שונא, זאָלן ניט האָבן געליטן, געקעמפט און געפאַלן — זיינען זיי גע־שטאָרבן כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל לעבן.

און דאָס איז אפשר איינע פון די וואונדערלעכסטע דערשיינונגען אין אונדזער יידישן לעבן פון די לעצטע גרויליקע יאָרן: דאָס אויפקומען פון אַ געמיינזאַמער, איינהייטלעכער, טיפער יידישקייט — אַזאַ, וואָס מען האָט זי שוין ניט געזען פון זינט דער עמאַנציפּאַציע־תקופה אָן, און וואָס אַנדערע האָבן זיך שוין אין איר געהאַט אינגאַנצן מייאש געווען. אַ געמיינזאַמע יידיש־קייט ביי פאַרשיידענע, אָפט ווייטע און אָפט אַפילו פיינטלעכע שיכטן פון יידישן פאָלק: פון קאָמוניסטן פּאַרטיי־פירער ביזן חסידישן רבין, פון בונדיסט ביז ציוניסט, פון נאַציאָנאַליסט ביז אַסימילאַטאָר. די זעל־ביקע יידישקייט — אַ נשמה־פלאַטערנדיקע, אַ מסירת־נפשדיקע, אַ שבת־יום־טובדיקע, אַ יידישקייט מיט וועל־כער מיר האָבן זיך ניט צו פאַרשעמען פאַר אונדזערע זיידעס.

אין דעם כוח פון אָט דער יידישקייט טאָקע ברענ־גען מיר איצט אַרויס פון דעם היטלער־חורבן.

אמת, דאָס איז געווען אַ יידישקייט בלויז אין פּנים פון טויט.

בלייבט אונדז טאָקע דאָס שווערסטע אפשר: די דאָזיקע יידישקייט שמידן און פאַרפאַנצערן אין פּנים פון לעבן.

מילאָנען יידן זיינען אומגעקומען ווי אַ קרבן פאַרן יידישן פאָלק. דאַרף דער קרבן קאָנען ווערן אויפ־גענומען.

דער חומש דערציילט אונדז, אַז ווען אַ מענטש ברענגט אַ קרבן צו גאָט, איז אויב גאָט באַוויליקט דעם קרבן און עס שמעקט אים גוט דער ריח פון דער ציג צי פונעם שעפּס, דאַן שפּרייט זיך דער רויך גלייך און רואיק, הויך אַרויף צו די הימלען. אָבער אויב גאָט באַוויליקט ניט דעם קרבן, קערט זיך דער רויך אויס און, ווי אַ פאַרשעמטער, פאַרגייט ער אין אַ זייט. ווייל אַ קרבן צו גאָט — ס'איז ניט גענוג אים צו ברענגען, ער דאַרף נאָך באַוויליקט ווערן. און אַ קרבן צו אַ פאָלק — אוודאי און אוודאי.

דאָס יידישע פאָלק דאַרף זיין מסוגל אויפצונעמען דעם קרבן פון אונדזערע מאַרטירער. יידיש לעבן דאַרף זיין ראוי אויפצונעמען דעם וואונדערלעכן, העראָאישן יידישן טויט. דער מאַרטירער־טויט פון אונדזערע קדושים דאַרף זיך קאָנען אַריינגלידערן אין אונדזער לעבן, באַהעפטן זיך מיט אים, באַפרוכפּערן אים. דאַן, און נאָר דאַן, וועט זיין שלווה פאַר די, וואָס זיינען פאַרשוואונדן, און ברכה פאַר די, וואָס זיינען געבליבן. המשך, קיום, ווייטערדיקע עקזיסטענץ, — דאָס